# פרשת דברים ג׳ - ט׳ אב תשפ״ב לפ״ק

***יום ראשון פרשת דברים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין להבחור **יעקב יואל** נ״ו בן הר״ר **שמואל יחזקאל שפארן** הי״ו, ולהבחור **שלמה אברהם** נ״ו בן הר״ר **ישראל מרדכי וייסבערג** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורון דרשה.

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט״א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **אהרן** נ״ו בן הר״ר **אברהם שמחה דייטש** הי״ו, עב״ג בת הר״ר **יחזקאל שרגא גאלדענבערג** ע״ה.

אחר תפלת מנחה השתתף **רבינו שליט״א** אצל הבר מצוה של בן הר״ר **שמואל יחזקאל שפארן** הי״ו, שהתקיים באולם מענטא מענאר, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, אז משה רבינו האט איבערגע׳חזר׳ט משנה תורה, אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל וגו׳, אחרי הכותו את סיחון מלך האמורי אשר יושב בחשבון, ואת עוג מלך הבשן אשר יושב בעשתרות באדרעי (דברים א-א), נאכדעם וואס ער האט איינגענומען ארץ סיחון ועוג, האט ער איבערגעלערנט מיט יודען די גאנצע תורה.

**עס** שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה (במדבר לב-ה), אז די בני גד און בני ראובן זענען געקומען, און זיי האבן געבעטן, אז זיי ווילן האבן א נחלה אין עבר הירדן. זאגט דער **רמב״ן** (במדבר כא-כא), אז עס איז משמע, אז ווען זיי וואלטן נישט געקומען בעטן אז זיי ווילן האבן א נחלה אין עבר הירדן, דעמאלטס וואלט משה רבינו איבערגעלאזט גאנץ ארץ סיחון ועוג וויסט. יודען דארפן עס נישט, זיי גייען אריין קיין ארץ ישראל, מען האט אויסגע׳הרג׳עט די גאנצע פאלק פון סיחון ועוג, און עס וואלט געבליבן ליידיג. דער הייליגער **חתם סופר** (**בדרשות חתם סופר** שלו:) שטעלט זיך און ער פרעגט, וואס האט משה רבינו געטראכט? דער אייבערשטער האט געמאכט נסים אז מען האט איינגענומען ארץ סיחון ועוג, למכה מלכים גדולים, ויהרוג מלכים אדירים, פארוואס, כדי עס זאל בלייבן א ליידיגע שטח? מען קען נישט זאגען אז ווייל זיי האבן געשטערט יודען אריינצוקומען קיין ארץ ישראל, האט מען געמוזט מלחמה האלטען מיט זיי, כדי פריי צו מאכען דעם וועג אויף ארץ ישראל. ווייל דער פסוק (דברים ב-ל) זאגט, כי הקשה ה׳ אלקיך את רוחו. ער איז געווען גרייט אדורכצולאזען יודען, דער אייבערשטער האט פארשווערט די הארץ פון סיחון ועוג, למען תתו בידך, כדי איבערצוגעבן דאס לאנד אין די הענט פון יודען. וואס איז דער חשבון? לא עביד קודשא בריך הוא ניסא למגנא, דער אייבערשטער מאכט נישט קיין נסים אומזיסט. סיחון איז מסכים אז יודען זאלן אדורכגיין. און דער באשעפער איז מקשה רוחו, כדי עס זאל זיין א מלחמה, און מען זאל אים זיגן, און עס זאל בלייבען שממה?

**און** ער גייט מיט די קשיא נאך ווייטער, ווייל די גמרא (חולין ס:) זאגט, עמון ומואב טיהרו בסיחון. יודען האבן נישט געטארט טשעפענען עמון ומואב, האט סיחון איינגענומען קודם א חלק פון עמון און מואב, און עס איז געווארן סיחון׳ס, און ממילא האבען יודען געקענט צונעמען נישט נאר ארץ סיחון ועוג, נאר אויך דעם חלק פון עמון ומואב. בעבר הירדן בארץ מואב הואיל משה באר את התורה הזאת (דברים א-ה), עס איז געווען די פלאץ פון מואב. פרעגט דער חתם סופר, וואס איז געווען די חשבון פון משה רבינו, אז מען זאל לאזן דעם פלאץ ליידיג.

**ער** ברענגט צו פון זיין רבי, דער **פנים יפות** (בפרשתנו ד״ה בעבר הירדן), אז אזוי ווי דער פלאץ, עבר הירדן, האט געהאט א קדושה פון ארץ ישראל, זענען יודען צוגעקומען דארט צו א העכערע מדריגה, א השגה פון ארץ ישראל. און משה רבינו האט ביז יעצט געלערנט די תורה אין חוץ לארץ, און דער אייבערשטער האט געוואלט אז ער זאל איבערלערנען די תורה מיט יודען אין אוירא דארץ ישראל, וועגן דעם האט מען איינגענומען קודם עבר הירדן, אז עס זאל זיין א חלק פון כיבוש פון יודען.

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז. ווען מען טוט אן תפלין פאר א בר מצוה בחור, טוט מען אן תפלין של יד און תפלין של ראש. תפלין של יד, כדי משעבד צו זיין פארן אייבערשטען אלע מעשים וואס

א מענטש טוט מיט די האנט. תפלין של ראש טוט מען אן אויפן קאפ, שהנשמה שבמוחי עם שאר חושי וכוחותי, כולם יהיו משועבדים לעבודתו יתברך שמו. א יוד דארף ממליך זיין דעם אייבערשטען אויף די מעשה, אויף די זאכען וואס ער טוט, און אויף די מחשבות וואס איז אינעם מוח. און די תפלין, דאס ברענגט דערצו. תפלין איז דאך שמע ישראל, יחוד קודשא בריך הוא פונעם אייבערשטען, לייגט מען עס אויפן האנט, אז מיר זענען אלעס משעבד פארן אייבערשטען, און אונזער קאפ זענען מיר אויך משעבד פארן אייבערשטען.

**עס** שטייט פונעם **חידושי הרי"ם**, אז סיחון מיט עוג זענען געווען צוויי קליפות וואס זענען מכוון אקעגן די מעשה און אקעגן די מחשבה. סיחון מלך 'חשבון', די מחשבה ווערט אנגערופן חשבון. און ער איז געווען דער מלך הקליפה וואס איז געווען אקעגן די מחשבות, אז עס זאל נישט זיין קיין ריינע מחשבות. און עוג איז געווען אין אדרעי, אדרעי דאס איז דרעא, די האנט ווערט אנגערופן אדרעי (עיין תרגום אונקלוס שמות ו-ו). זיי זענען געווען צוויי קליפות וואס זענען געווען געשטעלט אויף די מחשבה, און אויף די האנט. דאס זענען די צוויי אברים וואס א מענטש לייגט דערויף די תפלין, כדי מיט דעם משעבד צו זיין די האנט מיט די מחשבה פארן אייבערשטען. און סיחון ועוג זענען געווען די קליפות וואס זענען געווען דערקעגן.

**משה** רבינו האט געוואלט מבאר זיין משנה תורה פאר יודען. תורה אליין, אנדעם וואס א יוד פירט זיך אויף ערליך, האט די תורה נישט קיין חשיבות. ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי (תהלים נ-טז). האט משה רבינו געדארפט קודם מכניע זיין דעם מלך חשבון, און דעם יושב באדרעי, די צוויי קליפות וואס זענען מכוון אקעגן די יד און אקעגן די מחשבה. אחרי הכותו את סיחון מלך חשבון, נאכדעם וואס ער האט אויסגערייניגט די קליפות, יעצט קען מען אנהייבן צו לערנען תורה מיט יודען.

**משה** רבינו האט געהאלטן, אז דער אייבערשטער האט נישט געהייסען כובש זיין עבר הירדן, כדי עס צו געבן פאר א נחלה פאר יודען. דער אייבערשטער האט געהייסען כובש זיין, וויל דער באשעפער האט געוואלט אז בעפאר משה רבינו גייט איבער לערנען משנה תורה מיט יודען אין עבר הירדן, זאל עס זיין אויסגערייניגט פון די קליפות וואס זענען מכוון אקעגן די מחשבה, און אקעגן די יד.

*

***יום שני פרשת דברים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **דוב** נ"ו בן הר"ר **יואל מאיר הארטמאן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***יום שלישי פרשת דברים***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אפרים שמואל הערשקא** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** וואונטשט אן כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה וחופה ולמעשים טובים, אזוי ווי ער איז אריין לברית, זאל ער קענען ווייטער אריינגיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים. מען וואונטשט נישט אן ביי א אנדערע מצוה, אזוי ווי ער האט געלייגט תפלין, אזוי זאל ער קענען מקיים זיין אנדערע מצות, נאר ביי מילה שטייט אין די גמרא (שבת קלז:) אז מען זאל אזוי וואונטשען. אין די גמרא איז משמע אז עס גייט ארויף אויפן טאטען, עס איז א ברכה פארן טאטען, כשם שהכנסתו, אזוי ווי דער פאטער האט אים אריינגעפירט, זאל ער דערלעבן ווייטער אויך אריינצופירן דאס קינד לחופה ולמעשים טובים. אונזער נוסח איז, אז עס גייט ארויף אויפן קינד אליין, אזוי ווי דאס קינד איז אריינגעגאנגען לברית, כן יכנס, זאל דאס קינד אריינגיין ווייטער אויך לתורה ולחופה ולמעשים טובים. וואס איז דער צושטעל, אזוי ווי ער איז אריין למילה, אזוי זאל ער אריינגיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

**די** גמרא (שבת קל.) זאגט, כל מצוה שקבלו עליהם ישראל בשמחה, עדיין עושין אותה בשמחה. מילה האבן יודען מקבל געווען בשמחה, דער אייבערשטער האט געגעבן די מצוה פאר אברהם

אבינו, און יודען האבן עס מקבל געווען בשמחה. כאטש עס איז א שווערע מצוה, מען נעמט א קינד פון אכט טאג, און מען פארגיסט בלוט. ווען נישט די מצוה, וואלט עס קיינער נישט צוגעלאזט צו טון פאר א קינד. און פון דעסטוועגן דאך זענען עס יודען מקיים. נישט ווייל מען מוז, נאר מיט א שמחה. זאגט די גמרא, ווייל מען האט עס מקבל געווען מיט א שמחה, עדיין עושין אותה בשמחה, מען מאכט א סעודה, מען פריידט זיך.

**קומט** אויס אז די מצוה פון מילה דאס איז די איינציגסטע מצוה וואס מען געפונט אז עס קבלו עליהם ישראל בשמחה. וואונטשט מען אן, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי מען האט מקיים געווען די מצוה. און די מצוה איז געווען בשמחה, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

**איך** האב געטראכט, עס קען זיין אז עס ליגט דערין א טיפערע כוונה. די גמרא (שבת שם) דרש'נט, פון וואו ווייס איך טאקע אז מצות מילה האט מען מקבל געווען בשמחה, שנאמר (תהלים קיט-קסב) ווייל עס שטייט אין פסוק, שש אנכי על אמרתך, כמוצא שלל רב. איך פריי זיך אויף די מצות פון די תורה, אזוי ווי איך וואלט געטראפן א גרויס פארמעגן. וואו ליגט אין דעם פסוק שש אנכי על אמרתך, אז עס גייט ארויף אויף מילה. טייטשט רש"י, אמרתך, איז א אמירה יחידה. ער זאגט נישט איך פריי מיך אויף אלע מצות, נאר אמרתך, מען רעדט פון איין אמירה. און די ערשטע אמירה וואס איז געווען פאר אברהם אבינו, איז געווען מצות מילה. שש אנכי על אמרתך, איך פריי זיך אויף די מצוה פון מילה, כמוצא שלל רב. עס איז אביסל שווער צו פארשטיין, אז ווען דוד המלך האט געזאגט אז ער פריידט זיך אויף די מצות, האט ער נאר געמיינט שש אנכי על אמרתך. נאר אויף מצות מילה פריידט ער זיך, און אויף אנדערע מצות, האט ער זיך נישט געפריידט כמוצא שלל רב?

**נאר** דער פשט גייט אזוי, מען ווייסט אז יעדע זאך ווענדט זיך אין די התחלה. אזוי ווי די גמרא זאגט דא אליין, אז מען האט עס מקבל געווען מיט א שמחה, איז עדיין עושין אותה בשמחה. די ערשטע מצוה וואס מען איז מקיים ביי א קינד, איז מצות מילה. און די מצוה איז מען מקיים מיט א שמחה. אז די ערשטע מצוה האט ער אנגעהויבן מיט א שמחה, דאס לאזט איבער א השראה אויפן קינד, אז אלע זיינע מצות וואס ער גייט טון שפעטער, זאל ער עס אויך קענען טון מיט א שמחה. אזוי ווי עס שטייט אין הייליגע ספרים, בתר רישא, גופא אזיל (עירובין מא.), יעדע זאך גייט לויטן אנהייב. ראש השנה, דער אנהייב פון א יאר, איז א טאג פון א התעוררות ביי א יעדן יוד, ארייגצוגעבן די כח פארן גאנצן יאר שפעטער. ראש חודש, די אנפאנג פונעם חודש. יעדן טאג, די התחלה דארף מען אנהייבן מיט תורה און תפלה, מען הייבט נישט אן מיט א וואכעדיגע זאך, ווייל אלעס ווערט נגרר נאך די התחלה. און אזוי ווי מצות מילה איז דאך די ערשטע מצוה וואס מען איז מקיים ביי א קינד ביי די אכט טאג, און דאס איז מען מקיים בשמחה, לאזט עס איבער א כח אז אלע מצות שפעטער זאל מען קענען מקיים זיין בשמחה.

**דוד** המלך זאגט שש אנכי על אמרתך, איך פריי זיך אויף אלע מצות, כמוצא שלל רב. ווי אזוי קום איך צו, אז איך זאל זיך קענען פרייען אויף אלע מצות. זו מילה, ווייל מילה איז דאך ניתנה בשמחה, און אז עס איז ניתנה בשמחה, האט מען דאך די ערשטע מצוה אנגעהויבן מיט א שמחה. דאס גיט די כח אז אלע מצות זאל מען מקיים זיין מיט א שמחה.

**וואונטשט** מען אן, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי דאס קינד איז אריינגעגאנגען לברית, דאס איז געווען זיין ערשטע מצוה, און עס איז א מצוה שקבלו עליהם ישראל בשמחה. כן יכנס לתורה, אז אלע זיינע עבודת ה' שפעטער, זאל זיין די זעלבע ווי די התחלה איז געווען. אז די התחלה איז געווען בשמחה, זאלן אלע מצות שפעטער אויך זיין בשמחה.

*

*ערב שבת פרשת דברים*

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יואל** (בהרא"ש) **פייערווערקער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובסנדקאות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

*וזה תוכן הדברי תורה:*

**מען** וואונטשט אן כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים (שבת קלז:). די מפרשים שטעלן זיך, אז מען געפונט נישט אזא סארט ברכה ערגעץ אנדערש, אזוי ווי דו האסט מקיים

געוועןדי מצוה, זאל מען מקיים זיין א צווייטע מצוה. מען זאגט נישט, אזוי ווי דו האסט געדאווענט היינט, אזוי זאלסטו האלטן שבת. צו אזוי ווי דו האסט געהאלטן שבת, זאלסטו האלטן פסח. פארוואס זאגט מען כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה.

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, אלה הדברים אשר דבר משה וגו', במדבר בערבה (דברים א-א). רש"י זאגט, אז יעדע ווארט איז א תוכחה. וואס מען האט געטון אינעם מדבר, וואס מען האט געטון בערבה, און אזוי ווייטער. ער האט זיי מוכיח געוועןבדרך רמז, מפני כבודן של ישראל, וועגן כבוד פון יודען האט ער זיי מוכיח געוועןמיט א רמז. - איך האב געזעהן אמאל שטיין א שיין ווארט, אז ווען איינער איז חטאתי נגדי תמיד (תהלים נא-ה), ער געדענקט זיינע עבירות שטענדיג, ווען מען דערמאנט אים נאר א ווארט דערפון, ווייסט ער תיכף פון וואס מען רעדט. איינער וואס געדענקט נישט וואס ער האט געטון, אז מען וויל אים זאגן אז ער האט געטון א זאך וואס איז נישט ריכטיג, מוז מען אים דערמאנען די גאנצע דין ודברים פון פריער. כבודן של ישראל איז, אז מען קען זיי מוכיח זיין מיט א רמז. ווען מען זאגט 'במדבר', האבן זיי געוואוסט וואס עס מיינט מדבר. 'בערבה' האבן זיי פארשטאנען וואס ערבה מיינט. דאס אליין איז דער כבודן של ישראל, אז מען קען זיי מוכיח זיין מיט א רמז.

**עס** שטייט אין **מאור ושמש**, אז דער פסוק זאגט נאכדעם, הואיל משה באר את התורה הזאת (דברים א-ה). זאגט ער, משה רבינו האט געוואלט איבערלערנען מיט יודען גאנץ משנה תורה, איבער'חזר'ן כל התורה כולה. ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי (תהלים נ-טז), ווילאנג א יוד פירט זיך נישט אויף ערליך, האט נישט קיין חשיבות זיין תורה. כדי אז די תורה זאל האבן א חשיבות, דארף מען קודם מהרהר זיין בתשובה אויף וואס מען האט געטון, און נאכדעם קען מען גיין לערנען. סור מרע ועשה טוב (תהלים לד-טו) קודם דארף א מענטש זיין סור מרע, און נאכדעם קען מען צו גיין צום עשה טוב. די גמרא (פסחים קז:) רופט עס אן, אז טאמער מען טוט עבירות, און מען טוט מצות צוזאמען, איז ער א זורע אל הקוצים (ירמיה ד-ג), א מענטש זייעט אן, אבער עס קען נישט וואקסען דערפון, עס איז א פעלד פון קוצים, עס וואקסט נישט ארויס.

**אזוי** ווי הואיל משה באר את התורה הזאת, משה רבינו האט געוואלט נאכאמאל מבאר זיין די תורה, האט ער זיי געמוזט קודם מוכיח זיין. האט ער געמוזט זאגען, אלה הדברים אשר דבר משה, קודם דארף מען טון תשובה, במדבר, בערבה, מול סוף, און אזוי ווייטער. נאכדעם וואס מען האט תשובה געטון אויפן עבר, יעצט איז הואיל משה באר את התורה הזאת, קען משה רבינו מבאר זיין די תורה. עבודת ה' גייט אז קודם דארף זיין סור מרע, און נאכדעם קען זיין עשה טוב.

**די** ערשט מצוה וואס מען איז מקיים ביי א קינד, איז די מצוה פון מילה, און מילה באשטייט פון צוויי חלקים, הסרת הערלה, און פורע זיין די פריעה, גילוי העטרה. וואס דאס איז די צוויי חלקים וואס איז דא אין עבודת ה'. ערלה דאס איז די חלק הרע וואס מען דארף אוועקנעמען, דאס איז סור מרע, מען נעמט עס אוועק אינגאנצן. נאכדעם איז דא גילוי העטרה, דאס איז דער עשה טוב, מגלה זיין די שיינקייט וואס איז דא אין תורה, וואס קומט נאכדעם.

**זאגט** מען, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי מען האט אריינגעפירט דעם קינד לברית, האט מען דאך געוויזען אז די ערשטע עבודה ביי א יוד דארף זיין סור מרע, און נאכדעם דארף זיין עשה טוב. כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, זיין עבודת ה' שפעטער זאל אויך זיין אויף דעם וועג, אזוי ווי מען זעהט ביי די ערשטע מצוה וואס מען האט מקיים געוועןמיט אים, אז קודם זאל זיין דער סור מרע, און נאכדעם דער עשה טוב.

*

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **אברהם ברייער** הי"ו, ואחיו **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודא בב"פ, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר מרדכי ברייער ע"ה).

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** דור הולך ודור בא (קהלת א-ד).

**הג"ר בנימין:** די דור הולך זעהט מען, אויף די דור בא, דארף מען נאך רחמים.

**רבינו:** די דור בא זעהט מען אויך, עס איז נאר נישט די זעלבע.

**הג"ר בנימין:** מיין זיידע, מיין שווער'ס טאטע, רבי לייבוש [לעפקאוויטש], איז אמאל געגאנגען צום **סאטמאר'ער רב זצ"ל** פאר א ישועה. און מיין זיידע האט אים געזאגט, אז עס שטייט אין **תפארת שלמה**, אז אין יעדע דור איז דא א צדיק וואס קען מבטל זיין אלע גזירות. אונז גלייב מיר אז דער רבי איז דער צדיק. האט דער רבי געזאגט, דער תפארת שלמה האט גערעדט ווען עס איז דא א דור, איך וויים נישט צו דאס הייסט א דור...

**רבינו:** עס שטייט אין מדרש (פסיקתא לך טו-ה), אין לך דור שאין בה שלשים צדיקים כאברהם אבינו, ווייל עס שטייט (בראשית יח-יח) ואברהם היו יהי"ה, יהי"ה איז בגימטריא שלשים.

**אב"ד בעסערמין:** לויט דעם וואס דער דיין פרעגט אפ דעם גאנצן דור, דער מדרש זאגט, אין 'דור' שאין בה שלשים צדיקים, אויב דער דור איז נישט קיין דור, איז די גמרא אויך נישט נוגע.

**הג"ר בנימין:** איך האב פארגעלערנט דא פרקי אבות, איז אויסגעקומען אויף די משנה פון עשה לך רב, האב איך געזאגט, אז יעדער יוד דארף האבן א רב.

**אב"ד בעסערמין:** עס איז מיר געווען א חידוש אז דו ביסט נישט אריינגעקראכען אין הוי זהיר בגחלתן שלא תכוה (אבות ב-י).

**רבינו:** ער איז געווען זהיר, ער האט נישט געוואלט אריינגיין...

**הג"ר בנימין:** עס איז געווען געגנוג קאנטרעווירשע"ל אזוי אויך...

**רבינו:** די וועלט זאגט, הוי זהיר בגחלתן שלא תכוה. אז קיינער טשעפעט דאך נישט קיין תלמידי חכמים סתם אזוי, אלץ איז דא עפעס א סיבה. ווען א מענטש רירט צו, צו א קויל, איז נישט קיין נפקא מינה צו ער איז גערעכט פארוואס ער האט צוגערירט, צו נישט, אפגעבריהט ווערט ער. א תירוץ וועט נישט העלפן דערויף. הוי זהיר בגחלתן שלא תכוה.

*

**הג"ר בנימין:** עס איז נישט געווען א שיעור אין ווייענער שול, וואס מיין טאטע איז נישט דארט געווען. ער האט געהאט א געוואלדיגע תשוקה מחזק צו זיין תלמידי חכמים. א יונגערמאן האט מיר געזאגט, אז אין די ווייענער שול האט מען נישט געגעבן קאווע בימים ההם. אין עץ חיים שטיבל אויפן פענסטער איז געווען א קליינע טשייניק, אפשר צען קאווע'ס האט מען געקענט מאכען דערפון, און מיין טאטע פלעגט מאכען קאווע פאר אלע משתתפים, און אנגעגרייט א קענד"י נעבן די קאווע. ער האט געוואלט פראמאטעי"ן די שיעורים.

**הר"ר אברהם:** מיין טאטע האט שווער געארבעט, און ער פלעגט איינצודרימלען ביים שיעור, און איינער האט אים געפרעגט אמאל, פארוואס קומט איר צום שיעור, איר שלאפט דאך איין. האט ער געזאגט, איך קום צום שיעור! וואס עס געשעהנט נאכדעם, דאס איז שוין א אנדערע זאך.

**אב"ד בעסערמין:** מען זאגט נאך א משל, אז אין רוסלאנד איז געווען א יוד, וואס פלעגט גיין אין א קאפע הויז, און טרינקען א קאפע, און ער האט גארנישט מיטגעהאלטן מיט וואס עס גייט דארט פאר, ער פלעגט דרימלען און טרינקען. אמאל האט מען ארעסירט די גאנצע חברה דארט, זיי זענען געווען אונטערוועלטניקע'ס, און מען האט אים אויך מיטגענומען. ווייל אז דו ביסט דא מיט זיי, ביסטו איינע פון זיי. האט ער געזאגט, ווען איך זיץ ביים שיעור, אפילו איך דרימעל איין, אבער איך בין איינע פון זיי.

**רבינו:** מען נעמט מיט די גאנצע שיעור אין גן עדן.

*

**הג"ר בנימין:** מיין מאמע האט קיינמאל נישט געטרינקען אינמיטן די סעודה. איך פלעג איר אייביג פרעגן פארוואס טרינקסטו נישט. און זי האט געזאגט, אז ביים זיידען האט מען נישט געלאזט טרינקען אינמיטן די סעודה אלץ סיגוף. יעצט ווען מען איז געזעסן שבעה, איז מיין פעטער רבי טוביה [קרויס] דארט געווען, האט ער דערציילט אז ער איז געווען ביי אונזער זיידע, רבי אברהם משה [ברוין (העברי)] פון סערענטש, רבי ישראל חיים'ס א זון. ער איז געווען א צוועלף יעריג יונגעל, און אינמיטן די סעודה איז ער געווען דורשטיג, האט ער געזאגט, איך בין דורשטיג. האט אים דער זיידע געזאגט, עס דאכט זיך דיר. נאכדעם האט ער נאכאמאל געזאגט, איך בין דורשטיג. האט אים דער זיידע געזאגט, גיי ארויס אינדרויסן, שווענק דיר אויס די מויל, און דו וועסט זעהן אז עס וועט העלפן, און דו וועסט נישט זיין דורשטיג. ער איז ארויס אינדרויסן, און ער האט זיך אויסגעשווענקט די מויל. האב איך אים געפרעגט, דער פעטער האט נישט געטשיי"ט, דער פעטער איז דאך געווען אינדרויסן, דער פעטער האט נישט געקענט געבן א כאפ אריין, דער זיידע

זעהט דאך נישט. האט ער מיר געזאגט, עס איז מיר נישט בייגעפאלען אז מען זאל קענען טרינקען...

רבינו: אם ראשונים כמלאכים, אנו כבני אדם. אם ראשונים כבני אדם, אנו... (שבת קיב:).

**הג"ר בנימין:** מיין ברודער הייסט אברהם שלום אלטער. מען האט אים א נאמען געגעבן ביים ברית אברהם שלום, און אלץ קינד האט ער געהאט קראא"פ, ער האט געהוסט. ער איז געווען אין שפיטאל א טאג צוויי, און מיין מאמע האט זיך דערשראקן, און מיין זיידע איז געגאנגען צום **סאטמאר'ער רב ז"ל**, און דער סאטמאר'ער רב האט צוגעגעבן די נאמען אלטער. און ער איז צוריקגעקומען מיטן נאמען אברהם שלום אלטער. ער האט נישט געפרעגט דעם טאטען. האט איך געפרעגט מיין פעטער, דער זיידע גייט צום סאטמאר'ער רב, און ער קומט אהיים מיט א נייע נאמען, עס האט נישט געבאדערט פארן טאטען? ער האט עפעס געזאגט? זאגט ער מיר, אז דער טאטע האט עפעס געטון, האט עס אמאל געבאדערט? מען האט עפעס פארגעהאלטן, ווער האט דיך געבעטן? אז דער טאטע טוט, האט מען עס אנגענומען!

**רבינו:** מען האט נישט געהערט אז דער סאטמאר'ער רב זאל צוגעבן נעמען.

**רבינו שליט"א** פנה אל הר"ר **אברהם**, ואמר: דו האסט א ברכה, אז דו וועסט זיין א אלטער יוד. און זקן, זה קנה חכמה אויך, אויך א אלטער.

*

***שבת קודש פרשת דברים***

במוצאי שבת אחר אמירת מגילת איכה (על ידי **הרב יוסף יהושע פליישמאן שליט"א**, ר"מ בישיבה קטנה), למד **רבינו שליט"א** המדרש על חורבן בית המקדש (פתיחתא לאיכה רבה פסקה כד).